38 גריכיש? צי ביסטו דען נישט דער מצרי, וועלכער
האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק געמאַכט אַ
מרידה, און אַרויסגעפירט אין דער מדבר אַריין
39 די פיר טויזנט מענער פון די סיקרים? האָט פּוילוס
געזאָגט: איך בין אַ ייִד פון טאַרסוס אין ציליציען,
אַ בירגער פון אַן אָנגעזעענער שטאָט; בעט איך
40 דיך, דערלויב מיר צו רעדן צום פאָלק. און ווען
ער האָט עס אים דערלויבט, האָט פּוילוס זיך גע־
שטעלט אויף די טרעפּ, און געמאַכט אַ צייכן מיט
דער האַנט צום פאָלק; און אַז עס איז געוואָרן אַ
גרויסע שטילקייט, האָט ער גערעדט צו זיי אויף
לשון־קודש, אַזוי צו זאָגן:

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

1 ברידער און פאָטערס, הערט איצט אויס מיין
2 פאַרטיידיקונג פאַר אייך—און ווי זיי האָבן
דערהערט, אַז ער רעדט צו זיי אויף לשון־קודש,
האָבן זיי זיך נאָך רואיקער פאַרהאַלטן; און ער
3 האָט געזאָגט:—איך בין אַ ייִד, געבוירן אין
טאַרסוס אין ציליציען, דערצויגן אָבער בין איך
געוואָרן (דאָ) אין דער דאָזיקער שטאָט, ביי די
פיס פון (רבן) גמליאל, און מען האָט מיך פלייסיק
געלערנט די תורה פון אונזערע אבות, און אַ קנאי
בין איך געווען פאַר ג־ט, ווי איר אַלע זענט עס
4 ביים היינטיקן טאָג. און דעם דאָזיקן דרך האָב איך
גערודפט ביז צום טויט, בינדנדיק און איבער־
5 געבנדיק אין תפיסה אַריין מענער און פרויען. ווי
אַפילו דער כהן גדול וועט עס מיר עדות זאָגן און
דאָס גאַנצע בית הזקנים, פון וועמען איך האָב
באַקומען בריוו צו די ברידער, און בין געגאַנגען